# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## ח״י אלול

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

שנת המאה להולדת כ״ק אדמו״ר מה״מ

**לזכות**

החתן הת׳ **שלמה** שיחי׳

והכלה מרת **חנה רבקה** תחי׳

**הרשקופ**

לרגל נישואיהם בשעטומ״צ

ביום ג׳, ח״י מנחם-אב, הי׳ תהא שנת אראנו סגולות

**״ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה**

**כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות״**

*

**נדפס ע״י הוריהם**

הרה״ת ר׳ **אליעזר ליפא** וזוגתו מרת **בילא חי׳** שיחיו **הרשקופ**

הרה״ת ר׳ **חיים יוסף** וזוגתו מרת **חוה לאה** שיחיו **גולדברג**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# ח״י אלול

א. וועגן דעם טאָג פון ח״י אלול — דער יום ההולדת פון דעם בעש״ט (ח״י אלול שנת נח״ת) און יום ההולדת פון אלטן רבי׳ן (ח״י אלול שנת קה״ת) — האָט כ״ק מו״ח אדמו״ר געזאָגט אין אַ שיחה[1], וז״ל:

„ביי חסידים איז פאַראַן אַן אַלטער חסידישער וואָרט אין צוויי אויס־שפּראַכן: א) ח״י אלול איז דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן אין אלול. ב) ח״י אלול גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני[2] לדודי ודודי לי״.

פון דעם וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט איבערגעזאָגט ביידע נוסחאות איז מובן, אַז זיי זיינען ביידע אויסגעהאַלטן, און אַז אין יעדן נוסח איז דאָ אַן אויפטו לגבי דעם צווייטן[3].

ועוד: דערפון וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט זיי געזאָגט מיט דעם סדר דוקא, ובפרט אַז ער האָט זיי מסמן געווען מיט „אל״ף״ און „בי״ת״[4] — איז מובן, אַז פריער קומט דער ענין אין ח״י אלול וואָס ער „איז דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן אין אלול״, און ערשט דערנאָך קומט דער „בי״ת״ — דער צווייטער (נוסח —) ענין אין ח״י אלול, וואָס ער „גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי״.

ב. די שינויים צווישן די צוויי נוס־חאות הנ״ל זיינען:

א) אין ערשטן נוסח איז דער לשון „(ח״י אלול) איז דער טאָג וואָס כו׳״, משא״כ אין צווייטן נוסח שטייט „ח״י אלול״ סתם, אָן דער הדגשה — „דער טאָג״.

ב) אין ערשטן נוסח — „האָט גע־בראַכט און ברענגט אַ לעבן״, משא״כ אין צווייטן נוסח — „גיט אַ חיות״, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן צוויי שינויים[5]: (א) אין ערשטן נוסח „ברענגט״, אין צווייטן „גיט״. (ב) אין ערשטן נוסח איז עס בלשון עבר און בלשון הוה: „האָט געבראַכט און ברענגט״, און אין צווייטן נוסח איז עס נאָר בל׳ הוה — „גיט״.

ג) אין ערשטן נוסח — „(אַ לעבן) אין אלול״: אָבער אין צווייטן נוסח — „(אַ חיות) אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי״.

ג. וי״ל אַז די שינויים הנ״ל, זיינען ניט נאָר שינויים (קלים) בלשון, נאָר שינויים עיקריים אין תוכן:

א) דער ביטוי „ח״י אלול איז דער טאָג וואָס כו׳״ איז מדגיש דעם ענין הזמן —

1) לקוטי דיבורים ח״ג ע׳ 946. ספר השיחות תש״ה ע׳ 122.

2) שה״ש ו, ג — ר״ת אלול (אבודרהם סדר תפלת ר״ה (קרוב לתחלתו). פע״ח שער ר״ה פ״א. שער הפסוקים עה״פ. ב״ח לטאו״ח סתקפ״א. ראשית חכמה ש׳ התשובה פ״ד ד״ה עוד יש. ועוד).

3) ראה לקו״ש חי״ט (ע׳ 250 ואילך) — עוד ביאור בב׳ הנוסחאות. וראה לקמן הערה 22.

4) שמזה מובן, דמה שהקדים נוסח אחד להשני הוא לא רק מפני שא״א לומר שניהם כאחד (אבל — שקולים הם[*]) — עדמשנ״ת כמ״פ בנוגע לפרש״י עה״ת (ראה ס׳ כללי רש״י (ירושלים, תש״מ) פ״ד. וש״נ) — כ״א שסדרם הוא בדיוק כו׳.

*) ובפרט שהקדים „אין צוויי אויסשפּראַכן״ — ראה ס׳ כללי רש״י שם בנוגע לפרש״י עה״ת כשמקדים „יש לתרגמו בשני פנים״ וכיו״ב.

5) ועוד שינוי שלישי (אבל — רק בלשון): „לעבן״ (בל׳ אידית) או „חיות״ (בלה״ק). וראה לקמן הערה 23.



# ביאורים לפרקי אבות

## פרק שלישי ופרק רביעי

בפרק שלישי שנינו[97] „חביב אדם שנברא בצלם כו׳ חביבין ישראל שנקראו בנים למקום כו׳ חביבין ישראל שניתן להם כלי חמדה״. חביב אדם — רומז לעבודה בעניני הרשות, שכן הכוונה לכללות המין האנושי, גם אומות העולם. בנים למקום — רומז לעבודה דתורה ומצוות, המובדלים מעניני העולם, כשם שבני ישראל הופרשו מאומות העולם. כלי חמדה — רומז לעבודה דמסירת נפש, שהיא למעלה ממדידה והגבלה, והיא באין ערוך לעבודה רגילה. שכן, בעת מתן תורה נפעל בישראל עילוי שבאין ערוך לגבי מעלתם לפני מתן תורה.

(גם לפני מתן תורה למדו תורה[98], אך במתן תורה ניתן לישראל „כלי חמדה״, „חמודה וגנוזה״[99], היינו האלקות שבתורה, פנימיות התורה, שזהו ענין שבאין ערוך).

בפרק זה מבוארים שלשה ענינים אלו כפי שהם בישראל, ובפרק רביעי — כפי שהם בתורה.

בפרק רביעי[100] שנינו „הלומד תורה על מנת ללמד כו׳ והלומד על מנת לעשות כו׳״. הבחינה הראשונה בלימוד התורה היא — כפי המוכרח מעיקר הדין. בחינה זו קשורה עם עצם מציאותו של יהודי, שכן התורה היא חיינו ואורך ימינו, והיא בדוגמת „חביב אדם״. ועל כך מוסיף התנא שתי דרגות שהן בבחינת מילי דחסידותא. על מנת ללמד — שלומד באופן דטופח על מנת להטפיח, וכך מתעלה לרמה נעלית יותר, כמאמר[101] „ומתלמידי יותר מכולם״. והוא בדוגמת העילוי של „בנים למקום״, שכן „התלמידים קרויים בנים״[102]. על מנת לעשות — על ידי מעשה בפועל דוקא באים לתכלית העילוי. והוא בדוגמת העילוי של „כלי חמדה״, שכן התורה ניתנה בעולם הזה התחתון דוקא, עולם העשי׳[103].

97) מי״ד. 98) ראה יומא כח, ב: אברהם אבינו זקן ויושב בישיבה הי׳. 99) שבת פח, ב. 100) מ״ה. 101) תענית ז, א. 102) ספרי ורש״י ואתחנן ו, ז. 103) משיחת ש״פ תבוא תשד״מ — על פי רשימת השומעים בלבד.

# לט.

**אין דעם אַלעם קומט צו אַ לימוד מיוחד בנוגע צו דער גאולה, וואָס דאַרף קומען תיכף ומיד ממש (לויט אַלע סימנים) . . וויבאַלד אַז דאָס איז דער ענין הכי עיקרי שהזמן גרמא – וואָרום לויט אַלע סימנים האָט די גאולה שוין פון לאַנג געדאַרפט קומען – איז פאַרשטאַנדיק אַז דער „וענית ואמרת לפני ה' אלקיך"[1], ובפרט אין חודש אלול ווען „רשאין כל מי שרוצה להקביל פניו והוא מקבל את כולם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם"[2] – דאַרף זיין ספּעציעל אַ בקשה (בקול רם) „עד מתי"?!... זאָל שוין זיין די גאולה בפועל ממש!**

(משיחות ש"פ תבוא, כ"א אלול תנש"א)

1) פרשתנו כו, ה.
2) לקו"ת פ' ראה לב, א.





ס'איז אַ „טאָג", איינער פון די ימות השנה, אָבער אַ יום מיוחד, „דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן אין אלול": ווען מען זאָגט אָבער „ח"י אלול" סתם, איז דערביי ניט (אַזוי) מודגש דער ענין הזמן שבו, נאָר בעיקר דער אינהאַלט פון דעם טאָג[6].

אין אַנדערע ווערטער: אין זמן זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א) עצם הזמן, ב) תוכן הזמן. לדוגמא — יום השבת, וואָס אין זמן איז ער (א) איינער פון די שבעת ימי השבוע, נאָר זייענדיק דער יום השביעי — דכל השביעין חביבין[7] — איז עס אַ יום מיוחד. (ב) דער יום השביעי פאַרמאָגט אין זיך קדושת שבת, וואָס די קדושה (מצ"ע) איז „למעלה מגדר המקום והזמן"[8], נאָר די קדושה איז מאיר[8] אין דעם זמן פון יום השביעי.

און דאָס איז דער ערשטער חילוק צווישן די צוויי נוסחאות: לויטן ערשטן נוסח קומט דער „לעבן" פון דעם זמן („דער טאָג") פון ח"י אלול, ס'איז אַן אויסגעטיילטער טאָג וואָס ברענגט אַ „לעבן אין אלול"; משא"כ לויטן צווייטן נוסח, קומט דער חיות פון דעם תוכן היום, פון „ח"י אלול" עצמו.

ב) דער חילוק הנ"ל איז נאָך מער בולט אין דעם דריטן שינוי הנ"ל (ס"ב) צווישן די צוויי נוסחאות — אין ערשטן נוסח איז דער לשון „(אַ לעבן) אין אלול", און אין צווייטן נוסח — „(אַ חיות) אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי".

אין ערשטן נוסח רעדט זיך וועגן דעם „לעבן" וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אין דעם זמן פון (חודש) אלול;

משא"כ אין צווייטן נוסח רעדט זיך מלכתחילה וועגן דעם תוכן הענין (עבודה) — דער „חיות" פון (תוכן פון) ח"י אלול, וואָס גיט חיות אינעם תוכן פון חודש אלול, „אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי" (וואָס איז ר"ת אלול[9], אָבער דער וואָרט „אלול" עצמו ווערט דאָ ניט דערמאָנט).

ג) אויך דער צווייטער שינוי הנ"ל — „ברענגט" אָדער „גיט" — איז אַ חילוק עיקרי: „ברענגט אַ לעבן" ווייזט, אַז דער „לעבן" גופא געפינט זיך במקום אחר, און דער טאָג פון ח"י אלול איז דער „ממוצע", וואָס ברענגט דעם לעבן (ממקום אחר) אין אלול; משא"כ „גיט אַ חיות" מיינט, אַז ער (ח"י אלול) גיט חיות מדילי'.

ד. ויש לומר הביאור בזה:

בנוגע צו חודש אלול געפינט מען צוויי ענינים:

די עבודה פון אלול איז בדרך אתערותא דלתתא[10]. אלול איז ר"ת (כנ"ל) „אני לדודי ודודי לי" — פריער קומט „אני לדודי" (עבודת האדם), און דער־נאָך „ודודי לי" (די אתערותא דלעילא). ד.ה. די אתערותא דלעילא („ודודי לי") איז אַ תוצאה פון עבודת האדם[11]

[ניט ווי חודש ניסן וואָס ענינו איז

6) אף שח"י אלול מציין יום בחודש (בשנה) — הרי: א) אינו דומה להלשון „דער טאָג", לשון המדגיש ענין הזמן. ב) ההדגשה ב„ח"י אלול" היא לא בזה שהוא יום (בשנה), כי אם על הייחוד שביום זה, שזה קשור עם תוכן היום.

7) ויק"ר פכ"ט, יא: בימים . . ויברך אלקים את יום השביעי. וראה פדר"א ספי"ח.

8) שו"ע אדה"ז חאו"ח מהד"ת ס"א ס"ח. ע"ש. ולהעיר מד"ה תקעו תרצ"א (בסה"מ קונטרסים ח"א) פ"א.

9) נסמן לעיל הערה 2.

10) לקו"ת ראה רד"ה אני לדודי (הא'). מקומות שנסמנו בהערה 12. ועוד.

11) ראה ד"ה אני לדודי באוה"ת שה"ש ח"ב (ע' תקמג), ע"פ זח"א פח, א־ב.

אתערותא דלעילא, בלשון הפסוק[12]: דודי לי ואני לו — פריער „דודי לי", און דער־נאָך (דורך דער אתערותא דלעילא) „ואני לו"].

נאָך מער: דער אַלטער רבי זאָגט אין לקו"ת[13], אַז דער „ודודי לי" פון „אלול" — די „המשכת אלקותו ית' למטה בבחי' התגלות" — איז ניט אין חודש אלול, נאָר דערנאָך בראש השנה כו'. ווייל דער ענין פון חודש אלול איז — די אתערותא דלתתא.

לאידך אָבער, זאָגט דער אַלטער רבי (דאָרט גופא[14]), אַז אלול איז אַ זמן פון עת רצון, „זמן התגלות י"ג מדות הרחמים", וואָס דער גילוי מלמעלה ווערט אויפ־געטאָן (ניט דורך עבודת האדם, נאָר) בדרך אתערותא דלעילא. ווי פאַר־שטאַנדיק פון דעם משל וואָס דער אַלטער רבי זאָגט דאָרט אויף דעם — אַז דאָס איז ווי אַ מלך וואָס „מקבלין פניו בשדה ואז רשאין כל מי שרוצה לצאת להקביל פניו והוא מקבל את כולם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם".

— ווייל אע"פ[15] אַז אלול איז ענינו אתערותא דלתתא (כנ"ל), מוז אָבער יעדע עבודה פון אַ נברא אָנקומען צו אַ סיוע מלמעלה (אתעדל"ע) אויף דער עבודה (כמרז"ל עה"פ[16] מי הקדימני ואשלם). און דאָס איז דער ענין פון די הארת י"ג מדות הרחמים בחודש אלול — דאָס איז[17] די אתעדל"ע אויף דער עבודה פון אלול, „אני לדודי ודודי לי".

ה. אע"פ אַז אלול האָט אין זיך ביידע ענינים (הארת י"ג מדות הרחמים מלמעלה און אתעדל"ת) כנ"ל — דאָך, זיינען די ר"ת פון וואָרט אלול (אני לדודי ודודי לי) מרמז דוקא אויפן ענין פון אתעדל"ת.

וי"ל דעם ביאור אין דעם:

די אתעדל"ע פון אלול — הארת י"ג מדות הרחמים — איז פאַרבונדן מיט דעם זמן[18] פון אלול: עס זיינען פאַראַן כמה זמנים בשנה וועלכע זיינען אַן עת רצון — וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט עבודת האדם, נאָר דער אויבערשטער האָט מלכתחילה איינגעשטעלט אין (טבע פון) וועלט, אַז די זמנים זיינען מצד עצמם אַן עת רצון. ועד"ז בנוגע חודש אלול, אַז די הארת י"ג מדות הרחמים בחודש אלול איז מצד דעם וואָס חודש אלול איז אַן עת רצון למעלה, וואָס דעמאָלט גייט דער מלך אַרויס אין „שדה".

אָבער דער תוכן ומהות החודש[19] (וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין דעם זמן) איז, אדרבה — דוקא דער ענין פון

12) שה"ש ב, טז. וראה אוה"ת ראה (ריש ע' תשצא). שה"ש שם (ועוד). ד"ה דודי לי תרכ"ז בתחלתו. סד"ה אני לדודי עטר"ת. ד"ה אני לדודי ה'ש"ת פ"א. ס' השיחות תש"ג ע' 177. ועוד.

13) שם.

14) שם לב, סע"א ואילך (משא"כ שם כ, ריש ע"ב: כה, ב: לג, א: וכן במאמרי אדה"ז־פרשיות ח"ב ע' תתכה — שאין מודגש שם שאלול ענינו אתעדל"ת. וראה לקמן הערה 21).

15) ראה ג"כ לקו"ש חי"ט ע' 159. ולהעיר מאוה"ת ראה (ע' תתב): אלול המשכת י"ג מדה"ר מלמעלה א"כ מהו אני לדודי, ומתחלה דודי לי מבע"י.

16) איוב מא, ג. ויק"ר פכ"ז, ב. וראה לקו"ש שם הערה 10.

17) לקו"ת ד"ה אני לדודי הב' (לג, ג).

18) ראה לקו"ת שם (כ, ריש ע"ב. לג, א). — ועפ"ז יומתק לשון הלקו"ת כאן (לב, א) „באלול הוא זמן התגלות י"ג מדה"ר".

19) דשמו אשר יקראו לו בלה"ק מורה על תוכן הדבר (ראה שעהיוה"א פ"א. או"ת להה"מ (ד, ג). ובכ"מ).





כמדומה[*] יש בזה ר"ד מרבותינו שאינו הבעש"ט נ"ע — שע"פ המסורה צ"ל י"ג (ז — י"ב) תק"ד ניכר בהזקן.

(ממכתב חורף ה'תשמ"ב)

*) ע"ד התמונה שמייחסים להבעש"ט. המו"ל.

לאחרי הפסק ארוך נתקבל מכ' מט"ז טבת בו כותב בקצור הכי נמרץ בהנוגע להתועדות ושיעורים הנלמדים. ולפלא הקיצור בדבר היכול לגרום נחת רוח, וכמו שכתבתי כבר לכמה מאנ"ש — הרי ג"ז בכלל המצוה דואהבת לרעך כמוך.

במ"ש הניגון של ארבע בבות ידועים הזמנים שהיו מנגנים אותו וכמבואר בכ"מ, וכמדומה גם בהקדמת ספר הניגונים — ז. א. שבזמנים אלו בהתועדות חסידותית מנגנים אותו בודאי.

בשאלתו אם הי' מקום לנגנו באותה ההתועדות אודותו כותב, הי"ז תלוי בהרגש הלב של המתועדים, באם הרגישו בהתועדות זו מעין הרגש ההתועדות בזמנים הקבועים הנזכרים בשיחות האמורות. ולדוגמא מה שנהגו לשוררו בסיום ההתועדות די"ב תמוז, כיון שזהו המשך לגאולת יט"כ וכיו"ב. והרי בהרגש הלב קשה להביא ראי' מאחד לחבירו, ובפרט מזקנים על נערים ולהיפך וכו'. ויש מקום לומר שהחלטה בהנ"ל — הנה תלוי' היא בהאבן בוחן אודותו ספר כ"ק מו"ח אדמו"ר[*] (מיוסד על הסיפור הידוע אודות הרה"צ כו' הרמ"נ מטשרנאָביל, הועתק בהיום יום).

(ממכתב כ' טבת, התשח"י)

*) סה"ש תש"ג ע' 67 ואילך. המו"ל.

במענה על מכתבו מר"ח מנ"א בו שואל ע"ד סתירת שתי השמועות ע"ד התגלות הבעש"ט שהיתה א) ח"י אלול תצ"ד, ב) המובא במכתבי הבעש"ט (נדפסו בהתמים חוברת א' סי' הע"ר) שיתגלה למחרתו של יום ה' פ' וישב.

והנה, השמועה שהבעש"ט נתגלה ח"י אלול תצ"ד שמענוה בפירוש מכ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע בשם אביו כ"ק אדמו"ר הרש"ב זי"ע, וכנדפס בשיחת כ' כסלו תרצ"ג בשם הרה"ח והרה"צ צדיק יסוד עולם וכו' וכו' ר' מנחם נחום מטשרנוביל (נדפס בלקוטי דבורים ב' אות ב' ראה שם). ואין בזה סתירה מהכתוב במכתבו הנ"ל, שהרי כמה דרגות בהתגלות.

וכיון שלא נתקבלו בזה פרטים, מובן שאין כאן מקום לסברות בעלמא, אבל כנראה מכמה סיפורים ח"י אלול תצ"ד הי' יום ההתגלות בהחלט לכלל ישראל, כנשיא ישראל בגלוי בפועל.

תקותי אשר מכיון שבא אלי בשאלה כהנ"ל, בטח יש לו קביעת עתים ללימוד החסידות, ויהי רצון שיוסיף בזה, וכציווי תורתנו מעלין בקדש ושיהי' הלימוד על פי דין, להבין ולהשיג (מג"א – שו"ע או"ח סו"ס נ').

(ממכתב כ"ג מנ"א, ה'תשי"ז)

ב"ה, ח"י אלול ה'תשכ"ט
ברוקלין, נ. י.

לכל אחד ואחד מהברי מצוה
יתומי — המלחמות והחבלנות
בארצנו הקדושה שליט"א

שלום וברכת שנה טובה ומתוקה.

**ביום זה הבהיר, יום הולדת אדמו"ר הבעש"ט ואדמו"ר הזקן, שני המאורות הגדולים אשר האירו ומאירים גם עתה את חיי עם ישראל באהבת ישראל ובאהבת התורה ובאהבת השם, אביע השתתפותי הנפשית בשמחתך לרגל הגיעך לעונת בר מצוה ויהי רצון שתקבל עליך עול תורתנו תורת חיים ומצותי' בשמחה ותקיימם מתוך בריאות ומנוחה כי יתן ה' שלום בארץ וגדול זכות התורה והמצות להגן על הארץ ועמנו בכל מקום שהם ולהפיל אימתה ופחד על כל אויב וצר וסגולה מיוחדת במצות תפילין אשר כהודעת חז"ל כל עמי הארץ יראו ממך ומביאה נצחון לאנשי המלחמה ובכל זה תגרום נחת רוח אמיתי לאביך ה' יקום דמו, אשר מעולם האמת בו הוא נמצא משגיח בהנעשה את ילדיו, מתענג עונג רב בהנהגתם הטובה ושמח שמחה גדולה בראותו אשר הולכים הם מחיל אל חיל בתורתנו תורת אמת ומצותי'.**

בברכת מזל טוב להבר מצוה
ולשנה טובה תכתב ותחתם
וכל המשפחה שליט"א.





אתערותא דלתתא[20], עבודת האדם[21].

ו. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק צווישן די צוויי נוסחאות הנ"ל בנוגע צו ח"י אלול —

ווייל כשם ווי עס זיינען פאַראַן די צוויי ענינים (הארת י"ג מדות הרחמים און אתעדל"ת) אין אלול, איז עד"ז אַזוי בנוגע צו ח"י אלול. אַז דער חיות וואָס ח"י אלול ברענגט אַריין אין אלול, איז אין ביידע פרטים שבו, סיי בנוגע דער אתעדל"ע שבו (די הארת י"ג מדות הרחמים), און סיי אין דער אתעדל"ת שבו (די עבודה פון אלול):

דער טאָג פון ח"י אלול — יום ההולדת פון דעם בעש"ט און פון אַלטן רבי'ן — איז אַ יום סגולה און זמן פון עת רצון; און דערפאַר האָט עס געבראַכט אַ נייעם „לעבן" אין דעם עת רצון פון אלול, אין דער התעוררות פון אלול וואָס קומט מלמעלה (מצד דער הארת י"ג מדות הרחמים).

און דערנאָך איז פאַראַן וואָס ח"י אלול מצד תוכנו — פאַרבונדן מיט עבודת האדם ע"פ תורת החסידות — גיט אַ חיות אין דעם תוכן פון חודש אלול, אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי, אַז די עבודה פון חודש אלול איז מיט אַ גאַר אַנדער חיות.

ז. און דער חילוק איז מודגש אין די שינויי הלשונות אין די צוויי נוסחאות הנ"ל (און בסדרם):

דער ערטשער נוסח — נוסח הא' — רעדט וועגן דעם ערשטן ענין און אויפטו אין אלול, די הארת י"ג מדות הרחמים (וואָס קומט אויף צו מעורר זיין די אתעדל"ת). וואָס כשם ווי די הארת י"ג מדות הרחמים איז אַן ענין פון אתעדל"ע, עד"ז אויך דער „לעבן" פון ח"י אלול וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, קומט בדרך אתעדל"ע (מלמעלה למטה[22]), מצד דעם טאָג כנ"ל.

און דערפאַר שטייט דערביי דער לשון „דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן[23] אין אלול":

(א) ס'איז מודגש דער זמן — „ח"י אלול איז דער טאָג . . אַ לעבן אין אלול".

---

20) ראה גם קובץ מכתבים שנדפס בסו"ס תהלים אהל יו"ט (קה"ת) ע' 206: אף כי בחדש הזה שערי רחמים נפתחים . . כללות העבודה הוא בדרך אתערותא דלתתא כהר"ת דאלול שתחלה הוא אני לדודי ואח"כ ודודי לי.

וראה לקו"ש שם (ע' 160), שמטעם זה ענין האתעדל"ע דחודש אלול שייך לחודש ניסן (שענינו אתעדל"ע) ונמשך ממנו. ע"ש.

21) ע"פ המבואר בפנים יומתק השינוי בלקו"ת, שבד"ה אני לדודי הראשון אינו מעתיק התיבות „הרועה בשושנים" (המרמזות על י"ג מדות הרחמים), ובד"ה אני לדודי השני מעתיקן — אף שגם במאמר הא' מבאר אודות הארת י"ג מדות הרחמים —

כי נקודה העיקרית של מאמר הראשון (שהיא המודגשת תיכף בתחילת המאמר) היא ע"ד תוכנו של חודש אלול — אתעדל"ת (אלא שאח"כ מבאר ג"כ ע"ד האתעדל"ע (לעורר עבודת אלול) — הארת י"ג מדות הרחמים);

משא"כ במאמר השני, שעיקרו בא לבאר ענין הארת י"ג מדות הרחמים דאלול.

22) ויש להתאים המבואר בפנים עם המבואר במק"א (לקו"ש שם ע' 250 ואילך) שב' הנוסחאות הם בהתאם לב' הענינים שבח"י אלול: נוסח הא' — ליום הולדת הבעש"ט (מייסד חסידות הכללית), ונוסח הב' — יום הולדת אדה"ז (מייסד חסידות חב"ד)

— כי הבעש"ט המשיך החיות דחסידות (הכללית) בעיקר בדרך מלמעלמ"ט (מופתים וכו'), ואדה"ז — בעיקר בדרך מלמטה למעלה (ראה לקו"ש שם ע' 255. ח"ד ע' 1353).

23) עפ"ז יש לפרש גם השינוי, דבנוסח הא' אומר „לעבן" ובנוסח הב' „חיות" — כי נוסח הא' הוא בעיקר לאלו שהם בתחילת העבודה (או בסגנון הלקו"ת — מלך בשדה, ואלול „הם ימות החול"), ולכן נאמר „לעבן" בלשון אידית: משא"כ נוסח הב' שהוא בעיקר לאלו שכבר ישנה אצלם העבודה דאני לדודי ודודי לי — נאמר „חיות", בלה"ק. וראה לקמן סעיף ח.

(ב) „ברענגט" ווייזט (כנ"ל סוס"ג) אַז דער „לעבן" קומט ממקום אחר — פון דער אתעדל"ע, דער לעבן קומט (ניט פון „טאָג" עצמו, נאָר) מלמעלה, ח"י אלול איז (נאָר) דער טאָג וועלכער ברענגט דעם לעבן.

(ג) מ'איז מדגיש אויך דעם עבר — „האָט געבראַכט" — ווייל דער ענין פון אתעדל"ע איז (לגבי עבודת האדם) אַן ענין פון „עבר"[24], וואָס קומט לפני (און אַלס נתינת כח צו) דער עבודה.

משא"כ אין צווייטן נוסח – נוסח הב' — רעדט זיך וועגן דעם חיות וואָס ח"י אלול גיט אין דעם תוכן פון חודש אלול — „אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי", וואָס דער חיות קומט (ניט פון „זמן" — „דער טאָג" — נאָר) פון תוכן היום, פאַרבונדן מיט גילוי תורת החסידות[22]. און דערפאַר שטייט דער לשון „גיט אַ חיות" — ווייל דער תוכן פון ח"י אלול „גיט אַ חיות (מדיל"י) אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי".

[ועד"ז לגבי דעם אדם, אַז דער חיות וואָס ח"י אלול „גיט . . אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי" ווערט נמשך (ניט בדרך אתעדל"ע, נאָר) בדרך מלמטה למעלה[22]: דער אדם דאַרף עס אַרויסברענגען מן הכח אל הפועל דורך זיין עבודה].

ח. די הוראה דערפון אין עבודת ה' — איז אין ביידע קצוות:

פאַר די וועלכע האַלטן בתחילת העבודה — ביים „אל"ף" פון אלול — זאָגט מען אַז „ח"י אלול איז דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן אין אלול":

אַ איד קען דאָך טענה'ן — ווי איז שייך, אַז ער, וויסנדיק מעמדו ומצבו, זאָל קענען מקבל (וקולט) זיין חיות פון ח"י אלול? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו אַזאַ יום נעלה!

זאָגט מען אים, אַז אע"פ אַז דו ביסט נאָך בתחילת העבודה (און דו האָסט ניט אָנגעהויבן אפילו די עבודה פון אלול, „אני לדודי ודודי לי", ובמילא איז דאָך לכאורה ניט שייך אַז דו זאָלסט אויפטאָן אַ חיות אין עבודת ה' („גיט אַ חיות")) — אעפ"כ, האָסטו בכח, דורך דעם יום סגולה פון ח"י אלול, צו (עכ"פ) ברענגען אַ לעבן אין אלול.

נאָכמער: ח"י אלול האָט דיר שוין געבראַכט אַ לעבן אין אלול — דו האָסט עס בירושה מאבותיך ואבות אבותיך; און דערפאַר ברענגט עס דיר חיות אויך אין דעם הוה.

ולאידך, איז דאָ די הוראה פאַר „ראשיכם שבטיכם", אַז עס איז ניט גענוג פאַר אים דאָס וואָס ח"י אלול ברענגט אַ לעבן אין אלול, נאָר ער מוז אויפטאָן אַ חיות („גיט אַ חיות") אין זיין עבודה פון אלול.

ולדוגמא — בלימוד התורה: ס'איז ניט גענוג דער ענין פון „ליגמר איניש"[25] — „לגרוס שמעתא מרבי"[26] (בדוגמא צו „ברענגט אַ לעבן", וואָס דער לעבן איז פריער ניט זיינער, עס קומט ממקום אחר) — נאָר עס דאַרף זיין דער „והדר ליסבר"[25]: נוסף וואָס ער חזר'ט איבער תורת רבו, האָרעוועט ער בשכלו הוא, צו מסביר זיין „טעמי"[26]. ביז אַז ער איז (אויך) מחדש[27] אין תורה — בדוגמא וואָס

24) להעיר גם מלקו"ת ויקרא (ג, רע"א) בפירוש „הביאני לשון עבר".

25) שבת סג, א.

26) פרש"י שם.

27) ראה הל' ת"ת לאדה"ז (פ"ב ס"ב) דכ"א מחוייב לחדש בתורה. וכן באגה"ק סכ"ו (קמה, א). ובלשון הזהר (ח"א יב, ב) „לאפשא לה".





ח"י אלול גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי.

ט. וויבאַלד אַז כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט ברבים ביידע נוסחאות און געהייסן אָפדרוקן זיי און מפיץ זיין זיי, איז מובן, אַז באמת זיינען ביידע נוסחאות שייך צו כאו"א מישראל.

וואָרום אפילו דער וואָס האַלט ערשט בתחילת העבודה, מוז ער וויסן אַז סו"ס קען ער צוקומען דערצו אַז ער זאָל געבן (און אויפטאָן) אַ חיות בעבודת ה' מדיל"י;

ולאידך גיסא, אפילו די וואָס האַלטן שוין אין דער דרגא אַז זיי טוען אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי, און נאָכמער: זיי זיינען בכח צו אויפטאָן אַ חיות אין זייער עבודה — דאַרפן זיי וויסן, אַז דאָס אַלץ איז ניט (אינגאַנצן) זייער אויפטו, נאָר דאָס הויבט זיך אָן פון דעם „לעבן" וואָס ח"י אלול ברענגט (מלמעלה) אין אלול.

וע"ד — אין דער דוגמא הנ"ל פון לימוד התורה — ווי די גמרא[28] דערציילט בנוגע לר' עקיבא, אַז בשעת משה רבינו האָט געהערט ווי ר' עקיבא לערנט מיט זיינע תלמידים „ולא הי' יודע מה הן אומרים" איז „תשש כחו", ביז „אמרו לו תלמידיו רבי מנין לך אמר להם הלכה למשה מסיני" איז דעמאָלט „נתיישבה דעתו".

ד.ה. אַז אפילו די ענינים וואָס ר' עקיבא האָט מחדש געווען (וואָס דערפאַר איז משה „לא הי' יודע מה הן אומרים") איז מקורם פון משה רבינו[29], „הלכה למשה מסיני".

(משיחת ש"פ תבא, ח"י אלול, תשמ"ג)

לקו"ש חכ"ט ע' 161

28) מנחות כט, ב.

29) ראה לקו"ש חי"ט ע' 253.

# ח"י אלול

**...ובפרט שנוסף על המסורה מרבי לרבי ועד לכ"ק מו"ח אדמו"ר — ע"ד הגאוניות (כפשוטה, בנגלה) של הבעש"ט ז"ל וכמו ששמע רבינו הזקן ממורו הרב המגיד בזה, הרי גם שכל הבריא מאמת הדבר, שכל הבריא אפילו של איש פשוט שמעולם לא בקר באיזה מוסד מדעי ופשיטא שאין לו כל תוארי כבוד, אלא ששמע משהו ע"ד הערכת רבינו הזקן את ידיעת התורה תורת הנגלה, שהיתה אצלו יסוד מוסד ויתד בל תמוט כעמוד ברזל, שהוא מופרך ומושלל בהחלט שאדהז"ק יקבל עליו מרות, על אחת כמה וכמה מרות מוחלטת, של מי שהוא באם לא הי' גאון בנגלה דתורה, גאון לפי ההבנה והמושגים של רבינו הזקן. והאומר אחרת ומאמין בזה, הרי זה מוכיח שאין לו כל מושג בהשקפת עולמו של בעל התניא והשו"ע, ולא עוד אלא שאינו רוצה לדעת ע"ד השקפתו, שהדגישה רבות פעמים בכתב ובעל פה, בשו"ע ובמאמרי חסידות הנדפסים ושבכתב אבל גם הם מפורסמים.**

(ממכתב חמשה עשר באב, ה'תש"כ)